**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול נעמט אונטער שריט צו פארשטערקערן טראפיק זיכערהייט און באשיצן ניו יארקער**

***שרייבט אונטער בילס צו ערמעגליכן רויט לייט קאמעראס אין וועסטשעסטער קאונטי און אין סירעקיוס און סקול זאנע שנעלקייט קאמעראס אין סירעקיוס און אלבאני***

***שרייבט אונטער ביל צו פארשטערקערן עקזיסטירנדער "מוּאוו אָוועך" געזעץ צו פאדערן דאס זיך אריבערוקן פאר אלע קארן און טראקס***

גאווערנער האקול האט אונטערגענומען א רייע שריט צו פארשטערקערן טראפיק זיכערהייט אריבער די סטעיט. דאס האט אריינגערעכנט אונטערשרייבן א ביל וואס ערמעגליכט וועסטשעסטער קאונטי און די שטעט סירעקיוס און אלבאני צו אינסטאלירן קאמעראס ביי הויפט אינטערסעקשענס צו אינפארסירן רויט לייטס און סקול זאנע שנעלקייט פארלעצונגען, און אזוי אויך נאך א ביל צו פארשטערקערן דעם "מוּאוו אָוועך" געזעץ צו באשיצן דרייווערס אריבער די סטעיט.

"האלטן ניו יארקער זיכער איז מיין הויפט פריאריטעט, און טראפיק זיכערהייט איז נישט קיין אויסנאם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די בילס וואס זענען היינט אונטערגעשריבן געווארן וועלן מאכן געסער אריבער אונזער סטעיט זיכערער פאר דרייווערס, ביציקליסטן, פיסגייער און באזונדערס פאר אונזערע סקול קינדער. א דאנק פאר מיינע שותפים אין די לעגיסלאטור פאר זייער ארבעט ביים אריבערפירן די בילס ביזן ענדע — ניו יארק איז בעסער צוליב דעם."

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן די פאלגנדע בילס, אויטאריזירנדיג לאקאלע קערפערשאפטן צו אוועקשטעלן רויט לייט און סקול זאנע שנעלקייט קאמערא פראגראמען:

- וועסטשעסטער רויט לייט קאמעראס (A7206B/S7026B)
- סירעקיוּס רויט לייט קאמעראס (A6686/S6631)
- אלבאני סקול זאנע שנעלקייט קאמעראס (A7043A/S6802A)
- סירעקיוּס סקול זאנע שנעלקייט קאמעראס (S6632/A6687A)

אונטער די נייע געזעצן וועלן די קאונטי אָוו וועסטשעסטער און סיטיס אָוו אלבאני און סירעקיוּס זיין אויטאריזירט צו איינפירן פראגראמען וועלכע זענען אויפגעוויזן געווארן צו פארמינערן ספיעדינג בשעת'ן באשיצן דרייווערס, ביציקליסטן און פיסגייער.

**סטעיט סענאטאר ניעל ברעסלין האט געזאגט,** "דרייווערס וואס ספּיעדן זענען געווען א פארשפרייטע פראבלעם אריבער געוויסע ערטער אין די סיטי אָוו אלבאני. דאס איז געווען א ספעציעלע פראבלעם אין

סקול זאנעס וואו קינדער און פאמיליעס זענען איינגעשטעלט צו פארוואונדעט אדער אפילו דערהרג'ט ווערן. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן ארײנשרייבן אין געזעץ די וויכטיגע טראפיק זיכערהייט מאסנאם וואס וועט העלפן זיכער האלטן אונזערע געסער."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "לאקאלע רעגירונגען אריבער דאס לאנד האבן ערפאלגרייך איינגעפירט שנעלקייט קאמערא פראגראמען אין סקול זאנעס וועלכע העלפן באשיצן סקול קינדער, רעדוצירן עקסידענטן און פארשטערקערן זיכערהייט. אין די יארן 2018-2022 זענען געווען 1,765 באריכטעטע ספּיעדינג אינצידענטן און 11,283 באריכטעטע קאר/טראק עקסידענטן אין סקול זאנעס אין די סיטי אָוו אלבאני, מיט 2,109 פארוואונדעטע אין סך הכל אלס רעזולטאט פון די עקסידענטן און 11 טויטפעלער אין סך הכל אלס רעזולטאט פון די עקסידענטן. מיר ווייסן אז די אפשרעקונג מאסנאמען ארבעטן — אין ניו יארק סיטי איז ספּיעדינג געפאלן ביי לאקציעס וואו שנעלקייט קאמעראס זענען אינסטאלירט געווארן מיט 73 פראצענט אין דורכשניט. ערמעגליכן די סיטי אָוו אלבאני צו איינפירן זייער אייגענע ווערסיע פון א באגרעניצטע סקול זאנע שנעלקייט קאמערא פראגראם וועט העלפן רעדוצירן די צאל עקסידענטן, ציהען אויפמערקזאמקייט צו די סכנה פון ספּיעדען אין סקול זאנעס און עס וועט למעשה ראטעווען לעבנס. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פארן ארײנשרייבן די שכל'דיגע ביל אין געזעץ."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "דרייווערס וועלכע ספּיעדן אריבער אלבאני'ס סקול זאנעס שטעלן די לעבנס פון אונזער שטאט'ס פיסגייער – באזונדערס אונזערע יונגסטע איינוואוינער – אין סכנה. אלבאני'ס באטייליגונג אין א סקול זאנע שנעלקייט קאמערא פראגראם וועט אונז ערלויבן צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו העלפן פארשטערקערן די זיכערהייט פון פיסגייער אין סקול זאנעס. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן ארײנשרייבן די ביל אין געזעץ, און איך בין דאנקבאר פאר אונזער לעגיסלאטיווע דעלעגאציע, סענאטאר ניעל ברעסלין און אסעמבלי מיטגלידער פּעטרישע פעיהי און דזשאן מעקדאנעלד און אזוי אויך די אלבאני קאמאן קאונסיל פארן שטיצן די ביל."

**סירעקיוּס מעיאר בען וואַלש האט געזאגט,** "מיר ארבעטן אין ריכטונג פון א 'וויזשען זעראו' צוקונפט פאר סירעקיוּס. דאס איז א גלאבאלע אונטערנעמונג צו עלימינירן אלע טראפיק פאטאליטעטן און ערנסט פארוואונדעטע, בשעת'ן פארמערן זיכערע, געזונטע און גלייכע באוועגונג מיטלען פאר יעדן. די אונטערנעמונג רעכנט אריין זיכערע וועגן פאר קינדער און פאמיליעס צו אנקומען אין סקול. דאס איינפירן רויט לייט און שנעלקייט קאמעראס אין סקול זאנעס איז א קריטישע טריט פאראויס אין די ריכטונג. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די בילס און אסעמבלימאן וויליאם מאגנארעלי פאר זיין פירערשאפט ביים באשיצן אונזערע יונגע מענטשן און פארן מאכן זיכערהייט פארבעסערונגען מעגליך אין סירעקיוּס."

אין צוגאב האט גאווערנער האקול היינט אונטערגעשריבן נאך א ביל (A1077/S5129) וואס פארשטערקערט דעם עקזיסטירנדן "מוּאוו אָוועך" געזעץ וואס פארלאנגט פון דרייווערס צו זיין פארזיכטיג צו אויסמיידן קארן וועלכע זענען אפגעשטעלט אויפן שאסיי, ארייננרעכנענדיג מיטן טוישן לעינס. דער יעצטיגער געזעץ איז שוין אין קראפט זינט 2010, און עס איז אריגינעל געווידמעט געווארן צו פארמיידן עקסידענטן מיט עמערדזשענסי קארן/טראקס. אין די יארן זינט דאן איז דער געזעץ פארברייטערט געווארן צו דעקן אויך אויפהאלטונג קארן/טראקס און אזוי אויך אנדערע אפרופונג מאנשאפט קארן/טראקס. פערזענליכע קארן/טראקס וועלכע זענען אפגעשטעלט אויף די זייטן פון הייוועיס בלייבן אבער נאכאלץ א זיכערהייט סכנה. כמעט 300 דרייווערס ווערן אראפגעקלאפט און גהרג'ט אויף די זייט פון די שאסיי יעדעס יאר, און 37 מענטשן זענען אראפגעקלאפט און געהרג'ט געווארן אינדרויסן פון א צובראכענע קאר/טראק אין ניו יארק פון 2016 ביז 2020. דער געזעץ פארברייטערט דעם עקזיסטירנדן "מוּאוו אָוועך" געזעץ צו דעקן אלע סארטן קארן און טראקס וועלכע זענען אפגעשטעלט אויף די שאסיי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן